# דעם רבינ'ס מאַעשיות

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת

בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה א'
מאבידת בת מלך (1)
גליון 43

### קוֹרְאִים יְקָרִים! - אָנוּ מַתְחִילִים שׁוּב, הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' שֶׁסִּפְּרָהּ רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ!

בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן שֶׁהִתְחִיל רַבֵּנוּ זַ"ל לַעֲסֹק בְּסִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת, אָמַר בְּפֵרוּשׁ בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "הִנְנִי אַתְחִיל לְסַפֵּר מַעֲשִׂיּוֹת" (אִיךְ וֶועל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲשִׂיּוֹת דֶערְצֵיילְן). וְכַוָּנוֹת דְּבָרָיו הָיָה, כְּמוֹ שֶׁאוֹמֵר: מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל לָכֶם לָשׁוּב אֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי הַתּוֹרוֹת וְהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת - עַל־כֵּן הוּא מַתְחִיל לַעֲסֹק בְּסִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת. (הַקְדָּמָה רִאשׁוֹנָה מִמּוֹהֲרַנַ"ת לְסִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת)

וְאָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל: הָעוֹלָם אוֹמְרִים: "שֶׁסִּפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מְסֻגָּל לְשֵׁנָה"! - וַאֲנִי אָמַרְתִּי: "שֶׁעַל־יְדֵי סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מְעוֹרְרִין בְּנֵי אָדָם מִשְּׁנָתָם"! (חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן כה)

**מַעֲשֶׂה רִאשׁוֹנָה** הִיא: 'אֲבֵדַת בַּת־מֶלֶךְ', רַבֵּנוּ עָנָה וְאָמַר: **"בַּדֶּרֶךְ סִפַּרְתִּי מַעֲשֶׂה"**. בַּקַּיִץ שְׁנַת תקס"ו נָסַע רַבֵּנוּ לַדֶּרֶךְ לְמֶדְוִודִיבְקֶע וּסְבִיבוֹתֶיהָ, וְשָׁם הִתְחִיל לְסַפֵּר מַעֲשֶׂה רִאשׁוֹנָה שֶׁבְּ'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת'. וּכְשֶׁבָּא מֵהַדֶּרֶךְ - מְסַפֵּר רַבִּי נָתָן: שֶׁהָיִיתִי אֶצְלוֹ, וְחָזַר וְסִפֵּר לְפָנֵינוּ אוֹתָהּ הַמַּעֲשֶׂה, וְאָמַר: **"בַּדֶּרֶךְ סִפַּרְתִּי מַעֲשֶׂה" וְכוּ'.**

**וְהַמַּעֲשֶׂה הָרִאשׁוֹנָה הַזּוֹ - הִיא כְּהַקְדָּמָה כְּלָלִית עַל כָּל הַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁלְּאַחֲרֶיהָ!** (ר' אַבְרָהָם ב"ר נַחְמָן)

וְאָמַר רַבֵּנוּ: **"שֶׁכָּל מִי שֶׁהָיָה שׁוֹמְעָהּ, הָיָה לוֹ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה"!** - כֵּן הוּא בְּכָל דִּבּוּר שֶׁל רַבֵּנוּ, שֶׁכָּל הַשּׁוֹמֵעַ דִּבּוּר מֵרַבֵּנוּ, הֵן מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בַּחַיִּים חַיּוּתוֹ, וְהֵן כְּהַיּוֹם, הַשּׁוֹמֵעַ דִּבּוּר שֶׁאוֹמְרִים בְּשֵׁם רַבֵּנוּ, אוֹ הַלּוֹמֵד סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים - מֻבְטָח לוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה. (ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר - לִוְיַת חֵן)

**עָמַד הַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת... וְהָיָה מְבַקְשָׁהּ זְמַן רַב מְאֹד!** - הַרְבֵּה אֲנָשִׁים רוֹצִים לַעְזֹר וְלַעֲשׂוֹת וְלִפְעֹל לְחַפֵּשׂ אֶת הַ'בַּת־מֶלֶךְ', אֲבָל מְסִירוּת־נֶפֶשׁ לָלֶכֶת עַד הַסּוֹף, זֶה יֵשׁ בְּעִקָּר "לַשֵּׁנִי־לַמַּלְכוּת", שֶׁהוּא צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד, שׁ'רֶשׁ נ'שְׁמוֹת י'שְׂרָאֵל (ר"ת שֵׁנִ"י), **"וְהוּא הָיָה מְבַקְשָׁהּ זְמַן רַב עַד שֶׁבַּסּוֹף מָצְאָה"** - וּבִזְכוּתוֹ נִזְכֶּה גַּם אָנוּ לִמְצֹא אוֹתָהּ. (ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר - לִוְיַת חֵן)

**"וְעַתָּה מְסַפֵּר רַבֵּנוּ אֵיךְ בִּקְשָׁהּ עַד שֶׁמְּצָאָהּ"** - מִקֹּדֶם אוֹמֵר רַבֵּנוּ שֶׁמְּצָאָהּ, וְרַק לְאַחַר מִכֵּן מְסַפֵּר רַבֵּנוּ אֵיךְ בִּקְשָׁהּ - וְזֶה הִתְחַזְּקוּת עֲצוּמָה, שֶׁקּוֹדֶם צָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהַאֲמִין: שֶׁאִם מְחַפְּשִׂים וּמְבַקְשִׁים אֶת הַבַּת־מֶלֶךְ' (כִּנּוּי לַשְּׁכִינָה־הַקְּדוֹשָׁה וְלִכְנֶסֶת־יִשְׂרָאֵל), בַּסּוֹף יִמְצָא אוֹתָהּ. וְרַבֵּנוּ לִמֵּד אוֹתָנוּ אֵיךְ מְבַקְשִׁים אוֹתָהּ, וְלָכֵן הִרְבָּה עָלֵינוּ עֵצוֹת נִפְלָאוֹת שֶׁל 'תְּפִלָּה' 'הִשְׁתּוֹקְקוּת' וְ'כִסּוּפִים', הַכֹּל כְּדֵי לְקָרֵב הַגְּאֻלָּה. (ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר - לִוְיַת חֵן)

וְזֶהוּ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ: **"שֶׁהָלַךְ בַּמִּדְבָּרִיּוֹת וְיֶעָרוֹת וְשָׂדוֹת" וְכוּ'** - כָּל אֵלּוּ מְרַמְּזִים עַל עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם בִּמְסִירוּת־נֶפֶשׁ, בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וּצְעָקָה לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה לִמְצֹא מְקוֹם הַבַּת־מֶלֶךְ שֶׁנֶּאֶבְדָה. (ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר - לִוְיַת חֵן)

הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ יַעַזְרֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לִמְצֹא הַ'בַּת־מֶלֶךְ', וּלְהַחֲזִירָהּ לְאָבִיהָ הַמֶּלֶךְ, וְנִזְכֶּה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ לִגְאֻלָּה הַשְּׁלֵמָה עִם מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וְכָל הַצַּדִּיקִים, **אָמֵן.**

[רֶמֶז: **בַּסּוֹ"ף** גִּימַטְרִיָּא 148 **נַחְמָ"ן** - שֶׁעַל־יְדֵי הַצַּדִּיק־הָאֱמֶת, שֶׁהוּא רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁסִּפֵּר הַמַּעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה , נִזְכֶּה "בַּסּוֹף" לְמוֹצְאָהּ]




**וּמַעֲשֶׂה זוֹ הִיא בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן, כִּי גַּם בְּכָל אָדָם בִּפְרָטוּת, עוֹבֵר עָלָיו כִּמְעַט כָּל מַעֲשֶׂה זוֹ כֻּלָּהּ וְכוּ', וַאֲפִלּוּ אֲנָשִׁים־פְּשׁוּטִים לְגַמְרֵי וַהֲמוֹן־עַם שֶׁאֵין יוֹדְעִים בֵּין יְמִינָם לִשְׂמֹאלָם וְכוּ'. וְכָל־אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁזּוֹכֶה לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה עוֹסֵק כִּבְיָכוֹל לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ הַשְּׁכִינָה וּכְנֶסֶת־יִשְׂרָאֵל לְהוֹצִיאָהּ מֵהַגָּלוּת - כְּמוֹ־כֵן כִּבְיָכוֹל הַשְּׁכִינָה מִתְגַּלֵּית אֵלָיו וְכוּ', וּבָאָה אֵלָיו בַּסֵּתֶר, וּמְגַלֵּית לוֹ מְקוֹמָהּ וּמוֹשָׁבָהּ, וּמַה לַּעֲשׂוֹת בִּשְׁבִילָהּ, בְּאֹפֶן שֶׁיִּזְכֶּה לְמָצְאָהּ וְכוּ'.** וְהַמְעַיֵּן בְּכָל־זֶה בְּעֵין־הָאֱמֶת, יָבִין הֵיטֵב כַּמָּה וְכַמָּה צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת־הַשֵּׁם, וְאֵיךְ וְעַד הֵיכָן צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת־הַשֵּׁם, בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ וּמִסְפָּר, כָּל אָדָם וְאָדָם לְפִי מַדְרֵגָתוֹ וּלְפִי עֲלִיּוֹתָיו וִירִידוֹתָיו, וַאֲפִלּוּ אִם עָבַר מַה שֶּׁעָבַר וְכוּ'. רְאֵה וְהָבֵן וְהַבֵּט עַל כָּל פְּרָט וּפְרָט מֵהַמַּעֲשֶׂה, וְתָבִין רְמָזִים וְהִתְעוֹרְרוּת נִפְלָא, כַּמָּה צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק לִדְרֹשׁ וּלְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ אֶת עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם תָּמִיד וְכוּ'.

(הקדמה שניה ממוהרנ"ת לספּוּרי־מעשׂיּוֹת)

**עָנָה וְאָמַר:**

**בַּדֶּרֶךְ סִפַּרְתִּי מַעֲשֶׂה,**

**שֶׁכָּל מִי שֶׁהָיָה שׁוֹמְעָהּ הָיָה לוֹ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה.**

**וְזוֹ הִיא:**

מַעֲשֶׂה בְּמֶלֶךְ אֶחָד, שֶׁהָיוּ לוֹ שִׁשָּׁה בָּנִים וּבַת אַחַת. וְאוֹתָהּ הַבַּת הָיְתָה חֲשׁוּבָה בְּעֵינָיו מְאֹד, וְהָיָה מְחַבְּבָהּ בְּיוֹתֵר וְהָיָה מְשַׁעֲשֵׁעַ עִמָּהּ מְאֹד.

פַּעַם אַחַת הָיָה מִתְוַעֵד עִמָּהּ בְּיַחַד בְּאֵיזֶה יוֹם וְנַעֲשָׂה בְּרֹגֶז עָלֶיהָ, וְנִזְרְקָה מִפִּיו דִּבּוּר: שֶׁהַ'לֹּא טוֹב' יִקַּח אוֹתָךְ (דֶּער נִיט גוּטֶער זָאל דִיךְ נֶעמֶען).

בַּלַּיְלָה הָלְכָה לְחַדְרָהּ, וּבַבֹּקֶר לֹא יָדְעוּ הֵיכָן הִיא. וְהָיָה אָבִיהָ מְצַעֵר מְאֹד וְהָלַךְ לְבַקְּשָׁהּ אָנֶה וָאָנָה.

עָמַד הַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת, מֵחֲמַת שֶׁרָאָה שֶׁהַמֶּלֶךְ מִצְטַעֵר מְאֹד, וּבִקֵּשׁ, שֶׁיִּתְּנוּ לוֹ מְשָׁרֵת וְסוּס וּמָעוֹת עַל הוֹצָאוֹת, וְהָלַךְ לְבַקְּשָׁהּ. וְהָיָה מְבַקְּשָׁהּ מְאֹד זְמַן מְרֻבֶּה מְאֹד עַד שֶׁמְּצָאָהּ.

(עַתָּה מְסַפֵּר אֵיךְ בִּקְשָׁהּ עַד שֶׁמְּצָאָהּ).

וְהָיָה הוֹלֵךְ אָנֶה וָאָנָה זְמַן רַב וּבַמִּדְבָּרִיּוֹת וּבַשָּׂדוֹת וּבַיְּעָרִים וְהָיָה מְבַקְּשָׁהּ זְמַן רַב מְאֹד.

וְהָיָה הוֹלֵךְ בַּמִּדְבָּר, וְרָאָה שְׁבִיל אֶחָד מִן הַצַּד, וְהָיָה מְיַשֵּׁב עַצְמוֹ: בַּאֲשֶׁר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ כָּל־כָּךְ זְמַן רַב בַּמִּדְבָּר וְאֵינִי יָכוֹל לְמָצְאָהּ, אֵלֵךְ בַּשְּׁבִיל הַזֶּה, אוּלַי אָבוֹא לִמְקוֹם יִשּׁוּב; וְהָיָה הוֹלֵךְ זְמַן רַב.

אַחַר־כָּךְ רָאָה מִבְצָר (שֶׁקּוֹרִין שְׁלָאס), וְכַמָּה חֲיָלוֹת הָיוּ עוֹמְדִים שָׁם סְבִיבוֹ. וְהַמִּבְצָר הָיָה נָאֶה וּמְתֻקָּן וּמְסֻדָּר מְאֹד עִם הַחֲיָלוֹת, וְהָיָה מִתְיָרֵא מִפְּנֵי הַחֲיָלוֹת, פֶּן לֹא יַנִּיחוּהוּ לִכְנֹס.

וְהָיָה מְיַשֵּׁב עַצְמוֹ: אֵלֵךְ וַאֲנַסֶּה. וְהִשְׁאִיר הַסּוּס וְהָלַךְ לְהַמִּבְצָר, וְהָיוּ מַנִּיחִים אוֹתוֹ, וְלֹא עִכְּבוּהוּ כְּלָל. וְהָיָה הוֹלֵךְ מֵחֶדֶר לְחֶדֶר בְּלִי עִכּוּב, וּבָא לְפָלָטִין אֶחָד וְרָאָה, שֶׁיָּשַׁב שָׁם הַמֶּלֶךְ בַּעֲטָרָה, וְכַמָּה חֲיָלוֹת שָׁם וְכַמָּה מְשׁוֹרְרִים בְּכֵלִים לְפָנָיו, וְהָיָה שָׁם נָאֶה וְיָפֶה מְאֹד, וְהַמֶּלֶךְ וְשׁוּם אֶחָד מֵהֶם לֹא שְׁאָלוּהוּ כְּלָל.

וְרָאָה שָׁם מַעֲדַנִּים וּמַאֲכָלִים טוֹבִים, וְעָמַד וְאָכַל וְהָלַךְ וְשָׁכַב בְּזָוִית לִרְאוֹת מַה נַּעֲשֶׂה שָׁם, וְרָאָה שֶׁהַמֶּלֶךְ צִוָּה לְהָבִיא הַמַּלְכָּה. וְהָלְכוּ לְהָבִיא אוֹתָהּ, וְהָיָה שָׁם רַעַשׁ גָּדוֹל וְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה, וְהַמְשׁוֹרְרִים הָיוּ מְזַמְּרִים

וּמְשׁוֹרְרִים מְאֹד, בַּאֲשֶׁר שֶׁהֵבִיאוּ אֶת הַמַּלְכָּה. וְהֶעֱמִידוּ לָהּ כִּסֵּא וְהוֹשִׁיבוּהָ אֶצְלוֹ, וְהִיא הָיְתָה הַבַּת מֶלֶךְ הַנַּ"ל, וְהוּא (הַיְנוּ הַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת) רָאָהּ וְהִכִּירָהּ.

אַחַר־כָּךְ הֵצִיצָה הַמַּלְכָּה וְרָאֲתָה אֶחָד, שֶׁשּׁוֹכֵב בַּזָּוִית וְהִכִּירָה אוֹתוֹ. וְעָמְדָה מִכִּסְאָהּ וְהָלְכָה לְשָׁם וְנָגְעָה בּוֹ וְשָׁאֲלָה אוֹתוֹ: הַאַתָּה מַכִּיר אוֹתִי? וְהֵשִׁיב לָהּ: הֵן, אֲנִי מַכִּיר אוֹתָךְ; אַתְּ הִיא הַבַּת מֶלֶךְ שֶׁנֶּאֶבְדָה.

וְשָׁאַל אוֹתָהּ: הָאֵיךְ בָּאת לְכָאן? וְהֵשִׁיבָה: בַּאֲשֶׁר שֶׁאָבִי הַמֶּלֶךְ נִזְרַק מִפִּיו דִּבּוּר הַנַּ"ל, וְכָאן, הַמָּקוֹם הַזֶּה, הוּא 'לֹא טוֹב'.

וְסִפֵּר לָהּ, שֶׁאָבִיהָ מִצְטַעֵר מְאֹד וְשֶׁהוּא מְבַקְּשָׁהּ כַּמָּה שָׁנִים. וְשָׁאַל אוֹתָהּ: אֵיךְ אֲנִי יָכוֹל לְהוֹצִיא אוֹתָךְ? וְאָמְרָה לוֹ שֶׁאִי־אֶפְשָׁר לְךָ לְהוֹצִיא אוֹתִי כִּי אִם כְּשֶׁתִּהְיֶה בּוֹחֵר לְךָ מָקוֹם וְתִהְיֶה יוֹשֵׁב שָׁם שָׁנָה אַחַת, וְכָל הַשָּׁנָה תִּתְגַּעְגֵּעַ אַחֲרַי לְהוֹצִיא אוֹתִי, וּבְכָל זְמַן שֶׁיִּהְיֶה לְךָ פְּנַאי, תִּהְיֶה רַק מִתְגַּעְגֵּעַ וּמְבַקֵּשׁ וּמְצַפֶּה לְהוֹצִיא אוֹתִי וְתִהְיֶה מִתְעַנֶּה, וּבַיּוֹם הָאַחֲרוֹן מֵהַשָּׁנָה תִּהְיֶה מִתְעַנֶּה וְלֹא תִּישַׁן כָּל הַמֵּעֵת לְעֵת.

וְהָלַךְ וְעָשָׂה כֵּן. וּבְסוֹף הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָאַחֲרוֹן הָיָה מִתְעַנֶּה, וְלֹא הָיָה יָשֵׁן וְעָמַד וְהָלַךְ לְשָׁם. וְהָיָה רוֹאֶה אִילָן, וְעָלָיו גְּדֵלִים תַּפּוּחִים נָאִים מְאֹד. וְהָיָה מִתְאַוֶּה לְעֵינָיו מְאֹד, וְעָמַד וְאָכַל מִשָּׁם,

וְתֵכֶף שֶׁאָכַל הַתַּפּוּחַ, נָפַל וַחֲטָפוֹ שֵׁנָה, וְהָיָה יָשֵׁן זְמַן מְרֻבֶּה מְאֹד. וְהָיָה הַמְשָׁרֵת מְנַעֵר אוֹתוֹ, וְלֹא הָיָה נֵעוֹר כְּלָל.

אַחַר־כָּךְ הֵקִיץ מִשְּׁנָתוֹ וְשָׁאַל לְהַמְשָׁרֵת: הֵיכָן אֲנִי בָּעוֹלָם?

וְסִפֵּר לוֹ הַמַּעֲשֶׂה. (הַיְנוּ הַמְשָׁרֵת סִפֵּר לְהַשֵּׁנִי לַמֶּלֶךְ הַמַּעֲשֶׂה וְאָמַר לוֹ) שֶׁאַתָּה יָשֵׁן זְמַן מְרֻבֶּה מְאֹד זֶה כַּמָּה שָׁנִים, וַאֲנִי הָיִיתִי מִתְפַּרְנֵס מֵהַפֵּרוֹת. וְהָיָה מְצַעֵר עַצְמוֹ מְאֹד.

וְהָלַךְ לְשָׁם וּמָצָא אוֹתָהּ. וְהָיְתָה מִצְטַעֶרֶת לְפָנָיו מְאֹד, כִּי אִלּוּ בָּאתָ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם, הָיִיתָ מוֹצִיא אוֹתִי מִכָּאן, וּבִשְׁבִיל יוֹם אֶחָד אִבַּדְתָּ.

אָמְנָם שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל הוּא דָּבָר קָשֶׁה מְאֹד, בִּפְרָט בַּיּוֹם הָאַחֲרוֹן, אָז מִתְגַּבֵּר הַיֵּצֶר הָרָע מְאֹד. (הַיְנוּ שֶׁהַבַּת מֶלֶךְ אָמְרָה לוֹ, שֶׁעַתָּה תָּקֵל עָלָיו הָאַזְהָרָה וְלֹא יִהְיֶה מֻזְהָר שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל, כִּי הוּא דָּבָר קָשֶׁה לַעֲמֹד בּוֹ וְכוּ') בְּכֵן תָּשׁוּב לִבְחֹר לְךָ מָקוֹם, וְתֵשֵׁב גַּם־כֵּן שָׁנָה, כַּנַּ"ל,

וּבַיּוֹם הָאַחֲרוֹן תִּהְיֶה רַשַּׁאי לֶאֱכֹל, רַק שֶׁלֹּא תִּישַׁן וְלֹא תִּשְׁתֶּה יַיִן כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּישַׁן, **כִּי הָעִקָּר הוּא הַשֵּׁנָה**. וְהָלַךְ וְעָשָׂה כֵּן.

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ **״מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת״** - לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ - אָן צוּ פַאַרְעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע״ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א, אוּן פוּנֶעם צְוֵוייטְן דְרוּק שְׁנַת תר״י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז״ל / דִי אַיינְגֶערִינְגְעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטְלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

## פֶּרֶק א – דִי 'בַּת־מֶלֶךְ' וֶוערְט פַארְלוֹירְן, אוּן אִיר טַאטֶע דֶער 'מֶלֶךְ', אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר

**[אוֹת א]** [רַבֵּינוּ ז״ל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן]: **אִין 'וֶועג' הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה – וָואס 'וֶוער' עֶס הָאט זִי גֶעהֶערְט, הָאט גֶעהַאט אַ 'הִרְהוּר־תְּשׁוּבָה'! – אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה:**

**אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ'! – דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט 'זֶעקְס זוּהְן' אוּן 'אֵיין טָאכְטֶער'! –** [אוּן] **דִי** [דָאזִיגֶע] **'טָאכְטֶער' אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען** [אִין זַיינֶע אוֹיגְן]**! – אוּן עֶר הָאט זִי זֵייעֶר 'מְחַבֵּב' גֶעוֶוען** (כְּלוֹמַר: גֶעלִיבְּט)**! – אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיהְר זֵייעֶר 'מְשַׁעֲשֵׁעַ' גֶעוֶוען** [גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט]**!**

**אַמָאל אִיז עֶר מִיט אִיר גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם אִין 'עֶפֶּעס אַ טָאג'! – אוּן אִיז אוֹיף אִיר בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן! – הָאט זִיךְ אִים אַרוֹסְגֶעכַאפְּט אַ וָוארְט: ״**[אַז] **דֶער 'נִישְׁט־גוּטֶער', זָאל דִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען״!**

**'בַּיינַאכְט' אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אִין אִיר 'חֶדֶר'** [צִימֶער] **אַרַיין! –** [אוּן] **'אִינְדֶערְפְרִי' הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זִי אִיז! – הָאט זִיךְ דֶער 'פָאטֶער'** (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ')**, זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן אַהִין אוּן אַהֶער!**

**[אוֹת ב] אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער 'שֵׁנִי־לַמַּלְכוּת', מַחֲמַת** [וַוייל] **עֶר הָאט גֶעזֶעהְן** [אַז] **דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט 'גְרוֹיס צַעַר'! – אוּן הָאט גֶעבֶּעטְן: ״אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן אַ 'מְשָׁרֵת', מִיט אַ 'פֶערְד', אוּן 'גֶעלְט' אוֹיף הוֹצָאוֹת״!**

**אוּן** [עֶר] **אִיז גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן! – הָאט עֶר זִי** [אִיר] **זֵייעֶר גֶעזוּכְט, 'זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט' – בִּיז עֶר הָאט זִי גֶעפוּנֶען!**

## פֶּרֶק ב – דֶער 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת' טְרֶעפְט אִיר אִין אַ 'שְׁלָאס', אִין דִי 'נִישְׁט־גוּטֶער' פְּלַאץ

**[אוֹת א]** (הַיינְט דֶערְצֵיילְט עֶר, 'וִויאַזוֹי' עֶר הָאט זִי גֶעזוּכְט, 'בִּיז' עֶר הָאט זִי גֶעפוּנֶען)**: אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען** [אַהִין אוּן אַהֶער] **אַ לַאנְגֶע צַייט! – אוּן אִין 'מִדְבָּרִיּוֹת', אוּן אִין 'פֶעלְדֶער', אוּן אִין 'וֶועלְדֶער'! – אוּן הָאט זִי גֶעזוּכְט זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט!**

**אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'מִדְבָּר', אוּן הָאט גֶעזֶעהְן אַ 'וֶועג פוּן דֶער זַייט'! – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״בַּאֲשֶׁר** [אַזוֹי־וִוי] **אִיךְ גֵיי 'אַזוֹי אַ** [אַזַא] **לַאנְגֶע צַייט' אִין דֶער 'מִדְבָּר', אוּן** [אִיךְ] **קֶען זִי נִישְׁט גֶעפוּנֶען – לָאם־אִיךְ** [לָאמִיר] **גֵיין אוֹיף 'דֶעם** [דָאזִיגְן זַייטִיגְן] **וֶועג'! טָאמֶער וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַ 'יִשּׁוּב'״! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַ 'לַאנְגֶע צַייט'!**

**[אוֹת ב] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַ 'שְׁלָאס'** [פֶעסְטוּנְג]**! אוּן אַסַאךְ 'חַיָּלוֹת'** [זֶעלְנֶער] **שְׁטֵייעֶן אַרוּם** [צוּ בַּאוַואכְן]**! – אוּן דֶער 'שְׁלָאס' אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין! אוּן דִי 'חַיָּלוֹת' זֶענֶען אַרוּמְגֶעשְׁטַאנֶען כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַיין!**

הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִי 'חֲיָילוֹת': "טָאמֶער וֶועלְן זֵיי אִים נִישְׁט לָאזְן אַרַיינְגֵיין"?! - הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועזְן: "אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּבְן"!

אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דָאס 'פֶערְד', אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם 'שְׁלָאס'! - הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט, אוּן מֶען הָאט אִים גָארְנִישְׁט מְעַכֵּב גֶעוֶוען [נִישְׁט צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן]! - אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין חֶדֶר [צִימֶער] צוּם אַנְדֶערְן, אוּן מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעוֶוערְט [נִישְׁט צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן]!

אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'פַּאלַאץ'! - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "[וְוי] דֶער 'מֶלֶךְ' זִיצְט דָארְט אִין אַ [מִיט אַ] 'קְרוֹין'! - אוּן אַסַאךְ 'חֲיָילוֹת' [זֶעלְנֶער] שְׁטֵייעֶן [דָארְט] אַרוּם אִים [צוּ בַּאוַואכְן]! - אוּן אַסַאךְ שְׁפִּילְן אוֹיף כֵּלִים פַאר אִים! - אוּן עֶס אִיז דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פַיין גֶעוֶוען"! - אוּן דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי, הָאט [הָאבְּן] אִים גָארְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט!

אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶעהְן גוּטֶע 'מַאֲכָלִים' [אוּן 'מַעֲדַנִּים']! - אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען [זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט], אוּן הָאט גֶעגֶעסְן! - אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט אִין אַ וִוינְקֶעלֶע, עֶר זָאל זֶעהְן: "וָואס דָארְטְן וֶועט זִיךְ טוּהְן?"!

[אות ג] הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: [אַז] דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהֵייסְן: "[אַז] מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי 'מַלְכָּה'"! - אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען 'זִי' [אִיר] בְּרֶענְגֶען! - אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען: אַ גְרוֹיסֶער 'רַעַשׁ', אוּן אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה'! - אוּן דִי 'קַאפֶּעלְיֶעס' הָאבְּן זֵייעֶר גֶעשְׁפִּילְט אוּן גֶעזִינְגֶען: "וַוייל מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] דִי 'מַלְכָּה'"!

אוּן מֶען הָאט אִיר גֶעשְׁטֶעלְט אַ 'שְׁטוּהְל'! - אוּן מֶען הָאט זִי [אִיר] גֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִים [נֶעבְּן דֶעם 'מֶלֶךְ']! - אוּן דָאס [דִי דָאזִיגֶע 'מַלְכָּה'] אִיז גֶעוֶוען דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'בַּת-מֶלֶךְ'! - אוּן 'עֶר' [דֶער 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת'] הָאט 'זִי' [אִיר] גֶעזֶעהְן! אוּן [עֶר] הָאט 'זִי' [אִיר] דֶערְקֶענְט!

[אות ד] נָאכְדֶעם הָאט דִי 'מַלְכָּה' אַ קוּק גֶעטָאן, אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אֵיינֶער לִיגְט אִין אַ 'וִוינְקֶעלֶע'"! - הָאט זִי אִים דֶערְקֶענְט! - אִיז זִי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער 'שְׁטוּהְל', אוּן אִיז צוּ אִים גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט! - אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "קֶענְסְטוּ מִיךְ"! - הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא אִיךְ קֶען דִיךְ, דוּ בִּיזְט דִי 'בַּת-מֶלֶךְ' וָואס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן"!

הָאט עֶר זִי [אִיר] גֶעפְרֶעגְט: "וְוי [וִויאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער"?! - הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל דֶעם 'טַאטְן' הָאט זִיךְ אִים אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דָאס [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] וָוארְט (הַיְינוּ: "אַז דֶער 'נִישְׁט-גוּטֶער' זָאל דִיךְ נֶעמֶען")! אוּן 'דָא', אִיז דָאס אָרְט [פְּלַאץ] וָואס אִיז 'נִישְׁט-גוּט'"!

הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט: "אַז אִיר 'פָאטֶער', אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר! אוּן [אַז] עֶר זוּכְט זִי כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים" [אַסַאךְ יָאהְרְן]!

[אות ה] אוּן [עֶר] הָאט זִי [אִיר] גֶעפְרֶעגְט: "וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען"?! - הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ קֶענְסְט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען! 'סַיידְן' [נָאר] אַז דוּ

זָאלְסְט [אוֹיבּ דוּ וֶועסְט] דִּיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ אָרְט [פְּלַאץ]! אוּן [דוּ] זָאלְסְט דָארְט זִיצְן אֵיין יָאהְר! – אוּן אַ 'גַאנְץ יָאהְר', זָאלְסְטוּ 'בֶּענְקְן' נָאךְ מִיר: "זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען"!

אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט, זָאלְסְטוּ רַק [נָאר] 'בֶּענְקְן', אוּן 'וֶועלְן', אוּן 'הָאפְן': "מִיךְ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען"! – אוּן זָאלְסְט 'פַּאסְטְן'!

אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן [לֶעצְטְן] טָאג פוּן דֶעם יָאהְר – 1) זָאלְסְטוּ 'פַּאסְטְן'! – 2) אוּן זָאלְסְט נִישְׁט 'שְׁלָאפְן' דֶעם גַאנְצְן מֵעֵת־לְעֵת"!

[אוֹת ו] אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן! – אוּן צוּם סוֹף יָאהְר, דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג: הָאט עֶר גֶעפַאסְט! – אוּן הָאט [אִיז] נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן! – אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען (הַיְינוּ: צוּ דֶער 'בַּת־מֶלֶךְ' זִי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען)!

הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַ 'בּוֹים'! אוֹיף דֶעם 'בּוֹים' הָאבְּן גֶעוַואקְסְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע 'עֶפְּל'! – הָאט זִיךְ אִים זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעגֶעסְן פוּן זֵיי!

תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט גֶעגֶעסְן דֶעם 'עֶפְּל', אִיז עֶר אַנִידֶערְגֶעפַאלְן, אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ 'שְׁלָאף'! – אוּן הָאט [אִיז] גֶעשְׁלָאפְן זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט! – הָאט דֶער 'מְשָׁרֵת' אִים גֶעוֶועקְט! אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְוֶועקְן!

[אוֹת ז] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף! – פְרֶעגְט עֶר דֶעם 'מְשָׁרֵת': "וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט"?! – הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "[אַז] דוּ שְׁלָאפְסְט שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶס אִיז שׁוֹין כַּמָּה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן] אַז דוּ שְׁלָאפְסְט! – אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען [גֶעשְׁפֵּייזְט] פוּן דִי פֵּירוֹת"!

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען! – אוּן אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען [צוּם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'פַּאלַאץ']! אוּן הָאט זִי גֶעפוּנֶען דָארְט (הַיְינוּ: דִי 'בַּת־מֶלֶךְ')!

הָאט זִי זִיךְ פַאר אִים זֵייעֶר גֶעקְלָאגְט, אוּן זֵייעֶר זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען: "פוּן [צוּלִיבּ] אֵיין טָאג וֶועגְן, הָאסְטוּ אָנְגֶעוָוארְן [דֶערְלֵייגְט]! (כְּלוֹמַר: אִיבֶּערְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אֵיין טָאג, אוּן הָאסְט גֶעגֶעסְן דֶעם עֶפְּל, אִיבֶּערְדֶעם הָאסְטוּ אָנְגֶעוָוארְן)! וָוארְן [וַוייל] דוּ זָאלְסְט גֶעוֶוען קוּמֶען אִין דֶעם טָאג, וָואלְסְטוּ מִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען!

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] נִישְׁט צוּ 'עֶסְן', אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, בִּפְרַט דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג, דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער 'יֵצֶר־הָרָע' זֵייעֶר מִתְגַבֵּר!

עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] זָאלְסְטוּ דִיר וִוידֶער אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ אָרְט! אוּן זָאלְסְט וִוידֶער זִיצְן דָארְט אֵיין יָאהְר! – אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג, זָאלְסְטוּ שׁוֹין מֶעגְן 'עֶסְן'! – נָאר זָאלְסְט נִישְׁט 'שְׁלָאפְן'! – אוּן זָאלְסְט קֵיין 'וַויין' נִישְׁט טְרִינְקֶען, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט 'שְׁלָאפְן'! – וָוארְן [וַוייל] דֶער עִיקָר אִיז דֶער 'שְׁלָאף'"!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן!

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ______________________

טלפון ______________________

עיר ______________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה א' - מאבידת בת מלך (1)

**א. מתי סיפר רבינו הסיפור של אבידת בת מלך?**
- ❑ קיץ תקס"ה
- ❑ קיץ תקס"ו
- ❑ חורף תקס"ו

**ב. מה אמר רבינו לפני שסיפר המעשה של אבידת בת מלך?**
- ❑ בדרך ספרתי מעשה
- ❑ שכל מי שהיה שומעה היה לו הרהור תשובה
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ג. כמה בנים וכמה בנות היה למלך?**
- ❑ ששה בנים ובת אחת
- ❑ ששה בנות ובן אחד
- ❑ שלשה בנים ושלשה בנות

**ד. איזה דבור נזרק מפיו של המלך לבתו?**
- ❑ שהטוב יקח אותך
- ❑ שה' יקח אותך
- ❑ שהלא טוב יקח אותך

**ה. מי הלך לבקש את הבת מלך?**
- ❑ הבנים של המלך
- ❑ השני למלכות
- ❑ המשרתים של המלך

**ו. האם מצא את הבת מלך?**
- ❑ לא
- ❑ כן, מיד
- ❑ כן, אחר שבקשה זמן מרובה מאוד

**ז. איך היה נראה המבצר שראה השני למלכות?**
- ❑ נאה ומתוקן
- ❑ מסודר עם החיילות
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ח. האם השני למלכות אכל מהמאכלים שהיה במבצר?**
- ❑ כן
- ❑ לא
- ❑ רק שתה

**ט. מה אמרה הבת מלכה על המבצר הנ"ל?**
- ❑ שהמקום הזה הוא טוב
- ❑ שהמקום הזה הוא לא טוב
- ❑ הבת מלכה לא דברה על זה

**י. מה אמרה הבת מלך לשני למלכות איך הוא יכול להוציאה משם?**
- ❑ כשתבחר מקום ותישב שם שבוע ותתגעגע אלי ותהיה מתענה
- ❑ כשתבחר מקום ותישב שם חודש ותתגעגע אלי ותהיה מתענה
- ❑ כשתבחר מקום ותישב שם שנה ותתגעגע אלי ותהיה מתענה

**יא. מה אמרה לו הבת מלך שהוא יעשה ביום האחרון?**
- ❑ תהיה מתענה
- ❑ לא תישן כל המעת לעת
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יב. מה עשה השני למלכות ביום האחרון של השנה?**
- ❑ טעם מהיין וישן זמן רב
- ❑ אכל מהתפוחים וישן קצת זמן
- ❑ אכל מהתפוחים וישן זמן מרובה

**יג. כמה זמן ישן השני למלכות?**
- ❑ זמן קצר (כמה לילות)
- ❑ זמן מועט (לילה אחד)
- ❑ זמן מרובה מאוד (כמה שנים)

**יד. איך התעורר השני למלכות?**
- ❑ המשרת העיר אותו והתעורר מיד
- ❑ המשרת העיר אותו ולא נעור כלל, רק אח"כ התעורר
- ❑ הוא התעורר מיד לבד

**טו. מה אמר השני למלכות כשהקיץ משנתו?**
- ❑ למה אכלתי התפוחים
- ❑ למה ישנתי זמן רב
- ❑ היכן אני בעולם

**טז. ממה התפרנס המשרת בזמן שהשני למלכות ישן?**
- ❑ מהפירות
- ❑ מהמעין מים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יז. מה אמרה הבת מלך לשני למלכות שיעשה ביום האחרון אחרי שהתעורר מהשינה?**
- ❑ לא תישן ואל תשתה יין כדי שלא תישן
- ❑ לא תישן ואל תאכל כדי שלא תירדם
- ❑ לא תישן

## ובסוף הוציאה - בהצלחה גדולה

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלפון ______________________

שטאט ______________________

## בחינה אויף סיפורי מעשיות

### די ערשטע מעשה פון די פארלוירענע בת מלך(1)

**א. ווען האט דער רבי דערציילט די מעשה פון די פארלוירענע בת מלך?** (חיי מוהר"ן נ"ט - ימי מוהרנ"ת י"א)

☐ זומער תקס"ה

☐ זומער תקס"ו

☐ ווינטער תקס"ו

**ב. וואס האט דער רבי געזאגט פאר'ן דערציילן די מעשה?**

☐ אויפ'ן וועג האב איך דערציילט א מעשה

☐ ווער עס האט זי געהערט האט געהאט א הרהור תשובה

☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וויפיל זוהן און וויפיל טעכטער האט דער מלך געהאט?**

☐ זעקס זוהן און איין טאכטער

☐ זעקס טעכטער און איין זוהן

☐ דריי זוהן און דריי טעכטער

**ד. וואס איז די ווארט וואס האט זיך ארויס געכאפט פון מלך?**

☐ אז דער גוטער זאל דיר נעמען

☐ אז דער באשעפער זאל דיר נעמען

☐ אז דער נישט גוטער זאל דיר נעמען

**ה. ווער איז געגאנגען זוכן די בת מלך?**

☐ דער זוהן פון מלך

☐ דער שני למלכות

☐ די משרתים פון מלך

**ו. האט ער זי געפונען?**

☐ ניין

☐ יא, גלייך

☐ יא, נאכן זוכן זייער א לאנגע צייט

**ז. וויאזוי איז געווען די שלאס (פאלאץ) וואס ער האט געזעהן?**

☐ זייער שיין

☐ די מיליטער זענען ארום געשטאנען זייער פיין

☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. האט דער שני למלכות געגעסן פון די עסן פון שלאס (פאלאץ)?**

☐ יא

☐ ניין

☐ נאר געטרונקען

**ט. וואס האט זי געזאגט אויף די פאלאץ?**

☐ אז ס'איז א גוטע פלאץ

☐ אז דא איז די פלאץ וואס איז נישט גוט

☐ זי האט גארנישט געזאגט

**י. וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן כדי איר צו ארויסנעמען?**

☐ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א וואך און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען

☐ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א חודש און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען

☐ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א יאר און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען

**יא. און וואס זאל ער טוהן דעם אונטערשטן (לעצטן) טאג?**

☐ פאסטן

☐ נישט שלאפן

☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?**

☐ פארזוכט פון די וויין

☐ געגעסן פון די עפל

☐ געפאסט א גאנצן טאג

**יג. וויפיל צייט איז ער געשלאפן?**

☐ איין נאכט

☐ אפאר טעג

☐ זייער א לאנגע צייט - כמה שנים

**יד. וויאזוי האט ער זיך אויפגעוועקט?**

☐ דער משרת האט אים געוועקט און ער האט זיך גלייך אויפגעוועקט

☐ דער משרת האט אים געוועקט און ער האט זיך נישט אויפגעוועקט דערנאך האט ער זיך אויגעכאפט

☐ ער האט זיך גלייך אליין אויפגעוועקט

**טו. וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?**

☐ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל

☐ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט

☐ וואו בין איך אין דער וועלט

**טז. פון וואס האט זיך דער משרת געשפייזט ווילאנג דער שני למלכות איז געשלאפן?**

☐ פון די פרוכט

☐ פון א קוואל וואסער

☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. נאך וואס דער שני למלכות איז געשלאפן, וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן אין דעם אונטערשטען (לעצטן) טאג?**

☐ נישט שלאפן און נישט טרונקען וויין

☐ נישט שלאפן און נישט עסן

☐ נישט שלאפן

**און צום סוף האט ער זי ארויס גענומען - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.